מפעולות חסידות
לעבן מיטן אייבערשטן

0722 531 385
646 518 1014
033 3366 1567

# יחידה

אין אידיש
גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

צו פארשפרייטן דעם גליון
אין נאך בתי מדרשים
און באלייכטן נאך אידישע נשמות

רופט:
אין מאנסי
347.452.3118
אין וויליאמסבורג
347.768.3577

צו פארשפרייטן אין נאך שטעט
רופט 347.452.3118

וזכות הרבים יהא תלוי בכם!

אויף קול־דודי ליין
במשך'ן גאנצן טאג תשעה באב
ספעציעלע שיעורים
אויף "תשעה באב"
פון חשובי המשפיעים שליט"א
אויף נומער 9

פרשת דברים-חזון תשפ"ג / גליון מ"ז

## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# טייטש אפ ריכטיג!

## יעדעס מאל וואס א מענטש פאלט חלילה דורך, מיינט דאס, אז ער האט נישט גוט אפגעטייטשט די מציאות

די וועלט איז פול מיט מחלוקת, קאנפליקטן און מיספארשטענדענישן. אבער ווען איינער וועט גוט מדייק זיין און נאכגיין א מחלוקת ביזן שורש, וועט ער אנטדעקן אן אינטערעסאנטע נקודה: זייער אסאך מחלוקת'ן האבן זיך אנגעהויבן פון איין זאץ אדער לאזונג וואס איינער האט געלאזט פאלן, און דער צווייטער האט דאס פשוט נישט גוט פארשטאנען, און אט דאס האט איינגעפלאנצט דעם קערנדל פון די ריזיגע מחלוקת וועלכע פלאקערט אן אויפהער און לאזט זיך נישט פארלעשן.

א חבר מיינער רופט מיר אן אויפן טעלעפאן, און פרעגט: "וואס איז דיין פלאן? ווען גיבסטו מיר צוריק מיין ספר וואס דו האסט געבארגט פון מיר?". ער האט פשוט געפרעגט מיט א תמימות, ווייל ער וויל וויסן ווען ער וועט דאס צוריק האבן. אבער איך האב אויסגעטייטשט זיינע ווערטער, אז ער איז יעצט גערעגט אויף מיר... און פון דא האט זיך שוין אנגעהויבן קאכן א קעסל: "א חוצפה, איך טוה אים אזויפיל טובות, און איינמאל איך בארג א ספר פון אים, ווערט ער אזוי אויפגערעגט?! וואו איז אביסל הכרת הטוב?!". און פון יענע רגע האט אויפגעפלאקערט א מחלוקת עד לב השמים.

פונקט אזוי האט זיך אנגעהויבן דער לאנגער גלות וואו מיר געפונען זיך היינט.

## דער שוועבל פון שריפת בית אלקינו

דער 'שפת אמת' (דברים תרמ"ג ותרמ"ב) עפנט אונז אויף די אויגן צו פארשטיין וואס דער שורש פונעם גאנצן חורבן בית המקדש איז. דאס ווייסן מיר אלע, אז דער חטא המרגלים איז געשען תשעה באב ביינאכט, און דאס האט געברענגט דעם גרויסן 'בכיה לדורות' מיטן חורבן בית המקדש. אבער וואס איז געווען דער שורש פון חטא המרגלים?!

זאגט דער שפת אמת: דער שורש איז געווען, אז מען האט אויסגעטייטשט זאכן נישט ריכטיג; ווי דער פסוק זאגט: "ותאמרו בשנאת ה' אותנו הוציאנו מארץ מצרים לתת אותנו ביד האמורי להשמידנו" - ענק האבן געזאגט, אז די סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים איז, ווייל ער האט אונז פיינט און וויל אונז דא אפפארטיגן... יעדע זאך וואס זיי האבן געזען, האבן זיי ארויפגעשמירט דערויף א נעגאטיווע אויסטייטש. דער אויבערשטער מאכט פאר זייערט וועגן אז די גוים זאלן אויסשטארבן, און דעריבער זעען זיי איבעראל ווי מען טראגט און באגלייט מתים, און זיי טייטשן דאס אויס: "ארץ אוכלת יושביה היא". דער אויבערשטער האט זיי ליב, און זיי האלטן אז דער אויבערשטער האט זיי פיינט.

שרייבט דער שפת אמת: "**וְזֶה גָּרַם כָּל הַחֻרְבָּן**". חז"ל זאגן, אז ווען אידן האבן געזאגט "בשנאת ה' אותנו", האבן זיי געברענגט אז ער זאל זיי כביכול טאקע פיינט האבן, און דאס האט געברענגט אז זיי זענען נישט אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל און אז שפעטער זענען מיר געגאנגען אין גלות. קומט אויס, דער שורש פון גלות הייבט זיך אן פון גרייזיגע טייטשן: דער אויבערשטער האט אונז ליב, און מיר טראכטן פארקערט, און דעריבער געשעט טאקע דאס פארקערטע חס ושלום.

פון דא נעמט דער 'שפת אמת' ארויס דעם שליסל צו ברענגען די גאולה, ווייל אויב דא שטעקט דער חורבן - שטעקט דא אויך די גאולה! "**מִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁיֵּשׁ לָנוּ לִלְמֹד שֶׁמִּדָּה טוֹבָה הַמְרֻבָּה כְּשֶׁבְּנֵי יִשְׂרָאֵל מְקַבְּלִין יִסּוּרֵי הַגָּלוּת בְּאַהֲבָה, וּמַאֲמִינִים כִּי הוּא חֶסֶד הַשי"ת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה' יוֹכִיחַ' - לָכֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה מְדֻכָּאִים בָּעוֹלָם - יוּכַל לִהְיוֹת זֹאת מַפְתֵּחַ שֶׁל הַגְּאֻלָּה.**

"**כְּמוֹ שֶׁהָיָה חֵטְא זֶה הַתְחָלַת הַגָּלוּת, שֶׁבֶּאֱמֶת הַשי"ת אָהַב אֶת דּוֹר הַמִּדְבָּר, וּמִכָּל מָקוֹם עַל יְדֵי זֶה הַחֵטְא שֶׁהָיוּ אוֹמְרִים 'בְּשִׂנְאַת' - נֶהֱפַךְ וְנֶאֱמַר 'עַל כֵּן שְׂנֵאתִי'. מִכָּל שֶׁכֵּן 'בְּתוֹכָחוֹת עַל עָוֹן', הַגַּם שֶׁהָיוּ יִסּוּרֵי מִשְׁפָּט וָדִין, יְכוֹלִין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לַהֲפֹךְ לְיִסּוּרִים שֶׁל אַהֲבָה עַל יְדֵי קַבָּלַת הַתּוֹכָחוֹת בְּאַהֲבָה כַּנַּ"ל**".

א חוצפה, איך טוה אים אזויפיל טובות, און איינמאל איך בארג א ספר פון אים, ווערט ער אזוי אויפגערעגט?! וואו איז אביסל הכרת הטוב?!

דער גלות איז דאס וואס עס איז, ביטער און פינסטער. אבער דער אפטייטש דערפון, איז תלוי אין אונזער בחירה. מיר קענען נעמען די גאנצע גלות און עס אויסטייטשן אלס 'אהבה', און מיר קענען אויך עס אויסטייטשן אלס 'שנאה'. און דאס וואס מיר וועלן טייטשן - אט דאס וועט באשטימען וואס דער גלות זאל טאקע זיין. טאמער וועסטו וויסן, אז דא באהאלט זיך א געוואלדיגע ליבשאפט פונעם אויבערשטן צו דיר - דאן וועט עס טאקע זיין מיט אהבה, אבער אויב מען וועט עס חלילה אויסטייטשן ווי שנאה, וועט עס חלילה טאקע...

## איין פאזיטיווע אויסטייטש, און אלעס טוישט זיך

אינעם גרויסן בילד, איז דער 'אויסטייטש' די גאנצע תכלית הבריאה. א מענטש קומט אראפ אויף דער וועלט וועלכע פארמאגט אין זיך צוויי עקסטרעמע זייטן. פון איין זייט, איז דאס איין שטיק גילוי פונעם אויבערשטנ'ס אור. וואס דען איז דא פארהאן - אויב נישט אור ה'? עס איז דאך נישטא גארנישט מער פון דעם. אבער פון צווייטן זייט, איז די וועלט אויך א 'העלמה' וואס פארשטעלט און פארהוילט דעם אויבערשטן. אונזער אויפגאבע איז: צו טייטשן ריכטיג די וועלט! דאס הייסט, נישט אויסצוטייטשן די וועלט ווי דער בליק וויאזוי עס זעט זיך אויס פון אויבנאויף - וואס דאס איז א חיצוניות'דיגע שיכט פון הסתרה, נאר אפטייטשן די וועלט ווי דער בליק וואס מען זעט אינעווייניג אונטער דעם שיכט! אריינקוקן אינעם פנימיות פון יעדע זאך, וואס דארט שיינט דער אור ה' און עס שטעלט זיך ארויס אז 'אין עוד מלבדו'! און ווען מען טייטשט אפ די וועלט ריכטיג - ווערט נאכדעם טאקע נתגלה דער אור ה'.

יעדעס מאל וואס א מענטש פאלט חלילה דורך, מיינט דאס, אז ער האט נישט גוט אפגעטייטשט די מציאות. ווייל דער אמת'ער אפטייטשט פון וועלט שרייט: אלעס איז אויבערשטער! ווי איז מעגליך צו זינדיגן קעגן אים?! נאר דער מענטש האט עס נישט ריכטיג אפגעטייטשט. ווען דער מענטש קומט תשובה טון, מיינט דאס, אז ער הייבט אן אפצוטייטשן ריכטיג די מציאות פון וועלט.

יעדעס מאל וואס א מענטש טראכט צו זיך: "יעצט קען איך נישט דינען דעם אויבערשטן! אי"ה ווען עס וועט מיר אונטערקומען יענע און יענע געלעגנהייט, אדער ווען איך וועל טוישן א פלאץ - דעמאלט וועל איך אנהייבן!" - דאס שטאמט פון אן אומריכטיגן אפטייטשט אויף דער איצטיגער מינוט און פלאץ. ווייל אינ'אמת'ן, איז אט די סעקונדע און אט דער פלאץ - וואו דו שטייסט יעצט - פול מיטן אור ה'! דער אויבערשטער שטייט יעצט דא און ווארט צו האבן א קשר מיט דיר 'יעצט'!

דאס ווארט 'גלות' מיינט: א שלעכטער אפטייטש אויפן מציאות - וואס דאס ברענגט אלע חטאים און פגמים, אלע ירידות און נפילות, און צום סוף דעם חורבן און גלות. (און ווי געזאגט אינעם משל - אנהייב מאמר - איז אויך 'שנאת חינם' א פרי וואס וואקסט ארויס פון א קרומע אפטייטש). דאגעגן, דאס ווארט 'גאולה' מיינט: א ריכטיגער אפטייטש אויפן מציאות - צו זען ווי יעדע זאך איז אור ה', און אז ער האט אונז ליב - וואס דאס ברענגט אלע מצוות און מעשים טובים, אלע תורה און תפילה, און צום סוף די גאולה און בנין בית המקדש.

לויט דעם 'שפת אמת', זענען די איצטיגע טעג מיוחד פאר דער סארט עבודה פון קוקן גוט אויף זיך אליינס. ווייל די מחשבה וואס מען האט זיך אליינס פיינט און באשולדיגט אז דער אויבערשטער האט אונז פיינט - אט דאס האט געברענגט דעם איצטיגן חורבן בית המקדש. ווען א מענטש טראכט א גאנצן צייט: "איך בין א שייגעץ! דער אויבערשטער איז גערעגט אויף מיר!" - פועל'ט ער טאקע אזא סארט הנהגה פון כעס און יסורים רח"ל.

וואס זאל א מענטש טון כדי ארויסצוגיין פון דעם? ער זאל אנהייבן אפטייטשן די דאזיגע יסורים מיט א פאזיטיווע אויסטייטש! ער זאל טראכטן: "אלעס קומט פון גרויס אהבה! אפגעזען וויאזוי איך קוק אויס, האט מיר דער אויבערשטער ליב! דער אויבערשטער גלוסט און בענקט כביכול צו אונזער געמיינזאמע אהבה!". אזעלכע סארט מחשבות וועלן ברענגען די גאולה הכללית, און בפרטיות וועט עס ברענגען אן אמת'ער און טיפער קשר פון אהבה צום טאטן אין הימל.

# תשעה באב

## וויאזוי איז מען מעורר דאס הארץ צו מתאבל זיין אויפן חורבן? • וואס טוט דאס וויינען ווירקן ביי אונז אין הארץ? • און וואס איז נאך חצות? • די עבודה פון תשעה באב

**אברהם יצחק:** כ'וויל פרעגן עפעס וואס איז נוגע תשעה באב. אפשר שטייענדיג ערב שבת חזון איז יעצט נישט דער פאסיגער צייט דערפאר, ווייל שבת איז שבת... אבער פארט, תשעה באב דערנענטערט זיך און כ'וויל וויסן וואס איז די 'עבודה' פון דעם טאג.

**משפיע:** וואס הייסט די עבודה פונעם טאג? מ'פאסט, מ'זאגט קינות, מ'וויינט אויפן חורבן. וואס מיינסטו צו פרעגן?

**אברהם יצחק:** כ'ווייס אז 'מ'דארף' וויינען, אבער כ'בין נישט מצליח צו וויינען. וויאזוי קען איך אויפוועקן מיינע געפילן אין דעם טאג?

**משפיע:** דאס וויינען איז דאך אויף דעם וואס היינט האבן מיר נישט קיין בית המקדש און גילוי שכינה, און נישט נאר דאס, נאר חז"ל (ירושלמי יומא פ"א ה"א) אנטפלעקן אונז: "כל שלא נבנה בית המקדש בימיו כאילו נחרב בימיו", וואס דאס איז פשט אז וויבאלד מיט אונזערע מעשים האבן מיר צוגעברענגט אז דער בית המקדש איז נאכנישט אויפגעבויט געווארן. הייסט אז יעצט איז ממש א חורבן הבית, כאילו ס'איז שוין געבויט געווארן און צוליב אונזערע מעשים איז עס צוריק חרוב געווארן, איז דען דא א גרעסערע צער ווי דעם?

**אברהם יצחק:** כ'ווייס שוין דאס אלעס, אבער מיין הארץ וויינט נישט. אפשר ווייל איך האב קיין פאקטישע בילד אין קאפ פון דעם בית המקדש, און דערפאר שפיר איך נישט דעם חסרון, און דעם חורבן...

### וויאזוי קען איך זיך צוריקקערן?

**משפיע:** ביסט גערעכט, 'בית המקדש' און 'גילוי שכינה' זענען העכערע באגריפן, און צוליב די דערהויבנקייט דערפון, קען עס דער געדאנק נישט פארנעמען ריכטיג. אויב אזוי איז כדאי אויסצו'משל'ן א לעבעדיגע ביישפיל דערפון, וואס - כאטש ס'איז ווייט פונעם נמשל - אבער פארט וועט עס אונז געבן עטוואס א בליק פון די הרגשה וואס מ'דארף האבן ביי דעם טאג.

לאמיר זיך פארשטעלן ווי א בחור זיצט אין ישיבה און ערפילט נישט זיין תפקיד ווי ס'דארף צו זיין. ער פארברענגט די צייט און דערצו שטערט ער נאך אנדערע, ער לייגט אריין זיין קאפ אין שטותים והבלים וואס א ישיבה בחור דארף נישט האבן קיין שייכות דערצו... ביז איין טאג ווערט ער גערופן צום צימער פונעם משגיח וועלכער געבט אים שטרענגערהייט אנצוהערן זיין מצב, ער מעלדט אים אז אויף אזא אופן קען ער נישט בלייבן אין ישיבה. אבער דער בחור נעמט עס נישט ערנסט, באטראכטנדיג זיינע ווערטער ווי עפעס א 'סטראשע', און ער איז ממשיך מיט זיין התנהגות. דער משגיח דראעט אים איינמאל און נאכאמאל, ביז דער האמער קומט אראפ מיט א זעץ און דער בחור פליט ארויס פון ישיבה...

**אברהם יצחק:** אוי... נו, און וואס געשעט ווייטער?

**משפיע:** דא שטעלן מיר זיך אפ כדי אויפצוכאפן דעם בחור'ס רעאקציע. פארהאן אזעלכע וואס וועלן נאך אלץ נישט 'כאפן' וואס מ'וויל פון זיי, און דערפאר וועלן זיי ווארפן די שולד אין אלע ריכטונגען, דער משגיח איז שולדיג, דער מגיד שיעור, זיינע עלטערן, ווער נישט... אלס רעזולטאט 'נעמט' ער זיך נישט אין די הענט אריין, נאר ער פאלט אלץ מער און טיפער... ביז זיין מצב דערקייקלט פון טאג צו טאג.

אבער ס'איז דא אזא איינער וואס טוט [ענדליך...] אויפכאפן אז ער האט זיך געגרייזט, פלוצלונג געבט אים א 'קליק' אז מ'האט עס געמיינט ערנסט, און יעצט טרעפט ער זיך אין א בור וואס ער האט זיך אליינס אויסגעגראבן, ער איז צעטומלט און פארצווייפלט... מיט אזא בחור איז דא וואס צו 'ארבעטן'... וואס מיינסטו טוט אזא בחור? וואס טראכט ער יעצט?

**אברהם יצחק:** ער טראכט: 'וואס זאל איך טון'? וואס קען איך 'יעצט' טון? וויאזוי דריי איך צוריק דעם רעדל? 'וויאזוי' האב איך זיך נישט געכאפט אז דאס גייט פאסירן? 'פארוואס' האב איך נישט פארשטאנען וואס מ'רעדט צו מיר?

**משפיע:** זייער גוט. יעצט טייטש אויס דיינע ווערטער אין דאס לשון פונעם נביא: "איכה ישבה בדד"? העיר רבתי עם... "תשתפכנה אבני קדש בראש כל חוצות"...

**אברהם יצחק:** לאמיר צוריקגיין צום משל. דעם בחור'ס קאפ איז פול מיט מחשבות 'וויאזוי דערזע איך זיך צוריק אין ישיבה'? וואזוי קען איך ווידער באנייען א קשר און צוטרוי מיטן משגיח? וויאזוי בין איך זיי מצליח צו מפייס זיין נאכן באגיין אזעלכע מעשים? וויאזוי מאך איך אז זיי זאלן מיר אננעמען ערנסט?

**משפיע:** יעצט פארשטייען מיר די ריכטיגע פשט פון "איכה", (עיין אין מדרשים וואס דרשנ'ען אז אין דאס ווארט 'איכה' ליגט די סוד הגלות), וואס באדייט אז דער מענטש טרעפט זיך אין א טיפע בור, ער קלאגט 'וויאזוי בין איך אזויפיל געפאלן ביזן זיך דא טרעפן', זיין הארץ ווערט פיל מיט טיפע געפילן פון חרטה, וואס ברענגט אים צו טראכטן 'וויאזוי קריך איך ארויס פון די בלאטע אין וואס איך געפין זיך'...

**אברהם יצחק:** און יעצט וואס? וויאזוי ענדיגט זיך די מעשה?

**משפיע:** נאכפאלגנדיג דעם בחור'ס מחשבות, קומען אריין תפילות און בקשות פון 'השיבנו', אייגנטליך טוט זיך מגילת איכה שליסן מיט די ווערטער 'השיבנו ה' אליך ונשובה'. אזויווי אין דעם משל ווען דער בחור פארשטייט, אז כדי צוריק אריינצוקומען אין ישיבה דארף ער אויפבויען זיין קשר פונדאסניי, און ער האפט און קוקט אויס דערויף מיט זיין גאנצע הארץ, 'צי וועט מיר געלונגען צוריק צו אויפבויען

> **די הכנעה וואס מיר האבן היינט ארויסגעוויזן טוט אליינס צוריק אויפבויען דעם 'באגלייבטקייט' און נצחיות'דיגער קשר**

## א לקארקייט אין לעבן / המשך

המשך פון עמוד ד

### ד. חצות

נאך חצות הויבט אן שמעקן פון נחמה. מען זעצט זיך שוין אויף א בענקל, מען צינדט אן די לעקטער, און מען לייגט צוריק דעם פרוכת, מען הייבט זיך שוין אן פירן ווי געטרייסטע. **פארוואס?** ווערט געברענגט פון אריז"ל אז דעמאלטס איז די צייט פון לידת משיח, דאס הייסט אז דעמאלטס הויבט זיך אן די התנוצצות פון אור הגאולה.

דער איד וואס האט געקלאגט ביינאכט און א גאנצן פארמיטאג מיט מחשבות פון בענקשאפט און תשובה, ער האט אזוי משתוקק געווען צו השי"ת, אזוי שטארק געוואלט באנייען זיין קשר און זוכה זיין צו השראת השכינה - האט דאס גע'פועל'ט ביי חצות. יעדער פון אונז, איז צוזאמען מיט די גאנצע בריאה, זוכה, תשעה באב נאכמיטאג, צו א גאולה. **יעדעס יאר זענען מיר זיך מתקדם. יעדע יאר - דורך די עבודה פון תשעה באב - זענען מיר זוכה** צו נאך אביסעלע גאולה. **עס ווערט געבוירן א נייע הרגשה** פון א קשר מיט השי"ת, א נייע הרגשה אז דער גלות וועט זיך בקרוב ענדיגן, מיר וועלן זיכער אויסגעלייזט ווערן, עס ווערט געשאפן א פרישע הבנה אז גלות איז דאס וואס שאפט גאולה. מען באקומט אן הרגשה פון התקרבות צו השי"ת. מען קען נאך אוודאי נישט זאגן אז ס'איז א זמן שמחה, אבער ס'איז פארט דא עטוואס א זיכוך הנפש וואס גרייט אן צו גאולה, מיטן פארשטאנד אז גלות ברענגט אונז צו גאולה. און פון דא שעפט א איד התחזקות און נחמה.

**די הרגשה ביי אונז טוישט זיך:** תשעה באב ביינאכט און פארמיטאג, איז אויבן אין הימל דא צער, דעריבער איז דא אונטן אויך פארווייטאגט, אן הרגשה פון ריחוק. א סימן דערצו איז אז מ'לייגט נישט נישט קיין תפילין. אונזערע תפילין איז די צייכן אז מיר זענען זיך מתפאר מיט אונזער קשר מיטן אויבערשטן. גלייכצייטיג דעם אויבערשטנס תפילין גיבט ארויס אז ער איז זיך מתפאר מיט אונז, "ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". היינט, א טאג וואס איז מבטא גלות, איז די התפארות באהאלטן, קען מען קיין תפילין נישט אנטוהן.

ביי חצות אבער הערשט שוין אויבן נחמה, א התנוצצות פון אור הגאולה איז עס גורם א תוצאה, אז אויך ביי אונז דא אונטן שפירט זיך שוין א הרגשה פון גאולה.

נאכמיטאג איז א זמן פון לערנען עניני נחמה וגאולה. כדי די גאולה זאל ווערן ביי אונז טאפעדיג אמת'דיג. אזעלכע ספרים ווי 'שומר אמונים' מאמר הגאולה, 'תקות הגאולה', 'נצח ישראל' פון מהר"ל, און נאך, זענען פאסיג פאר דער צייט.

נאכמיטאג איז שוין א צייט וואס דער קשר צווישן אונז און אויבערשטן ווערט נתגלה. נאך אביסל התנוצצות הגאולה, נאך א חלק פון די בריאה איז געווארן נזדכך, און איז ראוי לגאולה. דעריבער איז שוין ביי מנחה די צייט זיך אנצוטוהן תפילין.

מוצאי תשעה באב איז דער מנהג מקדש צו זיין די לבנה. קידוש לבנה איז א התנוצצות פון די גאולה, "שהם עתידים להתחדש כמותה". מיר רופן אויס מיט וודאות "דוד מלך ישראל חי וקיים", די גאולה איז נאנט, אט אט וועט נתגלה ווערן כבוד שמים עלינו בביאת המשיח, במהרה בימינו אמן.

א באגלייבטקייט מיט די הנהלת הישיבה? צי וועט מיר גיין זיך צוריק ארויפצושטעלן אויף די גוטע רעלסן?’...

## ווייטאג, געגועים, תשובה

**אברהם יצחק:** קומט אויס אז דער עיקר ענין פון תשעה באב איז געפילן פון תשובה?

**משפיע:** ניין, געפילן פון תשובה קומען אלס תוצאה נאך געפילן פון אבילות, ווייל ’תשובה’ באדייט א פארשטאנד און אויפוואכונג איבער די זאכן וואס האבן צוגעפירט צו דעם שאנדפולן מצב. צוריק צום משל: פאר אלעס קומט די **ווייטאג און פארדרוס** כאפנדיג וואו ווייט ער איז פארפאלן און ווי פארוויקלט און קאמפליצירט זיין מצב איז. דערויף ווערט ערוועקט געפילן פון א **שטארקע בענקעניש** צו די בעסערע צייטן ווען ער איז געזעצן און געלערנט צווישן די ווארעמע ווענט פון ישיבה מיט גרויס התמדה, און דערביי שווימט אים ארויף א **דאגה און טיפע זארג**, קלערנדיג ווער ווייסט צי כ’וועל נאך אמאל מצליח זיין צוריקצוקומען צו מיין פריערדיגן מצב?...

נאך די אלע הרגשים, הייבט ער אן צו מאכן א **חשבון הנפש**, וואס זענען געווען די פראבלעמען וואס האבן מיר צוגעברענגט צו מיין מצב. דא כאפט ער ווי ער האט מזלזל געווען אין די לימודים און סדרים אין ישיבה, ער כאפט וויאזוי זיין קאפ איז געלעגן אין נארישקייטן, וויפיל ער האט זיך נאכאנאנד ארומגעקריגט מיט וויסטע זאכן מיט זיינע חברים אין ישיבה, וויפיל וויטאגליכע שפיצלעך ער האט אנגעדרייט פאר זיינע אומשולדיגע חברים - אזוי לויפט אים אריבער זיינע אלע נארישע מעשים, ער איז זיך מתבונן ווי אומערוואקסן און אומ’אחריות’דיג ער איז געווען, נישט כאפנדיג וואו זיין התנהגות גייט אים צופירן...

**אברהם יצחק:** וואו געבט זיך ארויס די מחשבות דורכאויס די קינות און מגילת איכה?

**משפיע:** ניתי ספר ונחזי... אין מגילת איכה טוט ירמיה הנביא שילדערן דעם שרעקליכן חורבן בית המקדש, דערציילנדיג די געפערליכע מעשים וואס האבן עס צוגעברענגט, און ער דעקט אויף די אויגן פון כלל ישראל אריינצוקלערן וויפיל זיי זענען אליינס שולדיג אין אלץ. דאס אלעס ברענגט אונז, אז בשעת זיצן אויף דער ערד און קלאגן אויפן חורבן, אויפן צער השכינה און אויף צרות ישראל לענגאויס אונזער פיינפולע היסטאריע, זאלן מיר צולייגן הארץ און אריינטראכטן ווי ליכטיג איז אונז אמאל געווען בשעת די בית המקדש איז געשטאנען, וויפיל גוטס האבן מיר פארלוירן ווי נידריג איז דער תהום אנקעגן דעם דערהויבענעם אמאל **ישבה בדד - רבתי עם, נהפך לאבל - מחולינו**, און אזוי פיל פסוקים. דאס ערוועקט אין אונז שטארקע געפילן פון חרטה, טראכטנדיג וויאזוי קענען מיר פארבעסערן אונזערע וועגן און זיך צוריקקערן צום אויבערשטן, ”השיבנו ה’ אליך ונשובה”...

**אברהם יצחק:** וואס געבט צו דאס זיצן אויף דער ערד? אזוי ווייט אז כ’האב אמאל געהערט א ווארט פון צדיקים, אז דעמאלטס קען אויפטון אסאך מער ווי אום שמחת תורה?

**משפיע:** דאס זיצן אויף דער ערד דריקט אויס א טיפע הבנה אין וואספארא לאך מיר האבן זיך אריינגעקייקלט, ס’איז מכניע אונזער הארץ צו בארעכטיגן דעם דין ווייסנדיג אז ס’איז אונז געקומען, מיר זענען זיך משלים מיט די יסורים, אזויווי ס’שטייט אין איכה ”צדיק הוא ה’ כי פיהו מריתי”. אט די הכנעה איז דאס מערסטע קריטיש כדי צוריק צו ערוועקן און באנייען די אמאליגע אהבה, ווייל ווי נאר דער משגיח זעט א הכנעה אויפן בחור, דעמאלטס פאראינטערעסירט ער זיך צוצוגיין צו אים און אויסגעפינען צי ער האט זיך פארבעסערט און צי ס’איז דא פון וואס צו רעדן וועגן אים צוריק אננעמען אין ישיבה.

**אברהם יצחק:** אבער נאך אלץ פארשטיי איך נישט פארוואס פלוצלונג אינמיטן טאג הייבן מיר זיך אויף פון דער ערד און מ’זאגט ’נחם’ ביי מנחה...

**משפיע:** ווייל יעצט האט אונז דאס וויינען זעלסט צוריק אויפגעפרישט דעם קשר, און די הכנעה וואס מיר האבן היינט ארויסגעוויזן טוט אליינס צוריק אויפבויען דאס ’באגלייבטקייט’ און נצחיות’דיגער קשר, די הכנעה זעלבסט טרייבט אונז אפצולאזן דעם ’קשר’ וואס מיר האבן ביז אהער געהאט מיט הבלי עולם הזה, און ס’בלאזט און אריין א גייסט פון האפענונג אויסצוקוקן אויף בעסערע צייטן, ווי נאר מיר פארשטייען אז נאר דורך אונזער גוטע מעשים האבן מיר אויף וואס אויסצוקוקן. דערפאר האבן צדיקים געזאגט, אז די ’קינות’ אליינס איז די זעלבע אותיות ווי ’תיקון’, ווייל דאס איז אונז מתקן פונדאסניי, און עס שיינט אונז אויף מיט א געפיל פון ”ושבו בנים לגבולם”.

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש”ט זי”ע

**ווען מיר וועלן אויסלייזן אונער נשמה פון איר גלות אונטערן גוף, וועלן מיר זוכה זיין צו ארויסגיין פון גלות הכללי, די גאולה השלימה**

מרן הבעש”ט הק’ זי”ע (תולדות יעקב יוסף, ויחי)



# די נשמה’ס פלאס

עשרת ימי תשובה אין לאגער יאנאווסקא. געוועגליך איז דאס א צייט ווען אידן לויפן אהין און אהער איינצוהאנדלען די מהודר’דיגסטע אתרוג און סכך.

אבער נישט דאס יאר.

יעצט זענען די הויט-און-ביינערדיגע אידן פארנומען צו שלעפן ריזיגע שטיינער און אויספלאסטערן א גאס אונטער די שטרענגע אויפזיכט פון די נאציס ימח שמם.

די הערצער זענען פארשטאפט. די געפילן זענען פארטעמפט. וויפיל צרות קען א הארץ אויסהאלטן. אבער ביי געציילטע אידן איז נאך פארבליבן א קליין ווינקל אין הארץ וואס לעבט. ”וואס וועט זיין”, קרעכצט אן אויסערליך צעבראכענער, אבער אינערליך ברענענדיגער איד, ”אט אט קומט שוין יום כיפור!”.

יא. פיין און ווייטאג בארירט זיי שוין נישט. אבער דער אידישן געפיל פון יום כיפור יא.

מ’קען טאקע נישט דאווענען א גאנצער טאג אנגעטון אינעם ווייסן קיטל מיט השתפכות הנפש, אבער כאטש זאל מען נישט ארבעטן אום יום כיפור.

”מיר מוזן טרעפן אן עצה נישט צו דארפן מחלל זיין דעם יום טוב”, טראכטן זיי אינאיינעם.

”אפשר שינווייס?”, רופט זיך איינער אן מיט קענטיגע צווייפל.

יעדער שאקלט צו מיטן קאפ. שינווייס וועט זיי מוזן העלפן. כאטש די רעדע איז איבער א פרייער איד פון לעמבערג וועמען די דייטשן האבן געשטעלט אלס אויפזעער פון זייער גרופע, א איד וואס באגייט זיך מיט גרויס ברוטאליטעט צו זיינע אידישע ברידער זיך וועלנדיג שיינשטעלן פאר די חיות טרף - פונדעסטוועגן האפן די אידן אז אפשר וועט ’יום כיפור’ אנרירן עפעס א ווינקל ביי אים אין הארץ.

ווער גייט בעטן שינווייס זיי צו העלפן? יעדער ציטערט פון אים. קיינער זוכט נישט צו זיין אין זיין געגנווארט און זיכער נישט זיך שטעלן פאר זיינע אויגן.

די החלטה פאלט צו בעטן דעם צדיק רבי ישראל פון בלאזשוב זי”ע. ער האט נישט מורא אונטערצונעמען אזוינס.

דער בלאזשוב’ער רבי ווערט שטארק איבערגענומען - אזויווי ער האט אליינס איבערגעגעבן יארן שפעטער. קוקט, אידן פאלן ווי פליגן, די איינציגסטע דאגה וואס פארנעמט ביי יעדן עפעס א ארט, איז דורכצולעבן דעם טאג, און דא האסטו א גרופע אידן מיט אנדערע דאגות. זיי זארגן זיך וועגן חילול יום טוב.

ער גארטלט זיך אן מיט קוראזש, און ווענדט זיך צו שינווייס, צו זיין אידישע פונק.

”ביסט דאך א איד פונקט ווי אונז”, דערמאנט אים דער רבי, ”אפשר קענסטו אונז העלפן נישט צו מחלל זיין יום כיפור?”.

א שוידער לויפט דורך שינווייס.

”דאס איז געווען דאס ערשטע מאל”, פלעגט דער רבי נאכן קריג דערציילן, ”וואס כ’האב געזען אין זיינע אויגן א מענטשליכע פונק”.

שינווייס ווערט ווייך. ”כ’וועל טון וואס איך קען”.

יום כיפור בייטאג. שינווייס האלטווארט, און די אידן דארפן רייניגן די קוואטירן פון די עס.עס. וועכטער. אן וואסער און זייף, אזוי נישט צו עובר זיין קיין מלאכות דאורייתא.

אבער נישט נאר די אידן געדענקען אז היינט איז יום כיפור. די דייטשן ווייסן דאס אויך.

”מיטאג! מ’גייט שוין עסן מיטאג!”, פלאצן די מערדערליכע רשעים אויס אין א ווילדע געלעכטער.

מיטאג! פון ווען סערווירט מען מיטאג אין יאנאווסקא?

עטליכע וועכטער שלעפן אריין אין באראק אפאר וועגעלעך, אנגעלאדנט מיט גרויסע שטיקער פלייש און ברויט.

”הייבט אן עסן!”, קומט די באפעל.

די אידן בלייבן געפרוירן.

דער הויפט נאצי קערט זיך צו שינווייס מיט א קלארע באפעל. ”מאך זיי עסן. אויב נישט, וועל איך דיר הרג’ענען צוזאמען מיט זיי!”.

וואס איז געשען אין די קומענדיגע מינוט, האט אויסגעזען א חלום.

שינווייס וואס האט שוין אויסגעפירט שווערס און ערגערס. דאסמאל אבער בלייבט ער קאלט.

”היינט עסן מיר נישט”, שעפשעט ער ווי מיט א פרעמד קול, ”ס’איז אונזער הייליגסטער טאג אין יאר”.

דער דייטש ווערט רויט. ”האסט מיר נישט פארשטאנען, אידישער הונט! כ’וועל דיר הרג’ענען אויב טוסטו עס נישט!”.

שינווייס רירט זיך נישט.

דער צעיושעטער נאצי רייסט ארויס זיין ביקס און שטעלט עס אויף שינווייס’ס שטערן, בשעת’ן האלטן א שטיק פלייש נעבן זיין מויל. ”פרעס!!!”.

שינוויס בלייבט רואיג און שטיל, קוקנדיג מיט ליבשאפט אויף זיינע ברידער וואס פאלן שיער אום פון שרעק.

א שאס פונעם קויל. שינווייס פאלט אראפ מיט א אייביגע שמייכל אויפן געזיכט, בשעת זיין נשמה גייט ארויס גענצליך ריין.

”דעמאלטס, דווקא אין יענע פינסטערניש דארט אין יאנאווסקא, האט זיך אנטפלעקט דעם אידישן פונק מיט זיין פולן פראכט”, ענדיגט דער רבי דערציילן, ”כ’האב געזען בחוש, אז יא, פושעי ישראל מלאים מצוות כרימון”.

**מקור: סיפורי חסידים מימי השואה, מעדות האדמו”ר זצ”ל**

# די עבודה פון תשעה באב

## וויאזוי באלעבט מען דער קשר אין אזא טאג וואס דער אטמאספערע איז אזוי וואכעדיג און טונקל?

## שאלה:

עס קומט באלד תשעה באב, און טאמער חלילה משיח וועט נאך נישט דא זיין, וועט מען אוודאי קלאגן אויפן חורבן מיט איכה און קינות, און זיך פירן מיט אלע דיני אבילות ע"פ שו"ע, אבער מצד שני הערט מען בשם ספרי חסידות אז ס'איז דא אין דעם טרויעריגן טאג עפעס א העכערע קשר, עפעס א אומגעוועגדליכן העכערן יחוד, און ווי באקאנט ווערט גאר 'משיח צדקנו' געבוירן אין דעם טאג. ווי אזוי גייט מען צו צו אזא סתירה? ווי איז מען עס משלב: איז דער טאג א זמן פון ריחוק, חורבן און קינה, אדער איז עס א צייט פון דביקות בהשי"ת?

## תשובה:

### א.
### די נקודת היום

אויב מיר ווילן מגדיר זיין דעם טאג, וועלן מיר עס אנרופן: א טאג פון **"פנימית'דיגע קשר מיטן אויבערשטן".**

חכז"ל דריקן זיך אויס אין מדרש **"לא היה יום מועד לישראל כיום שנחרב בית המקדש"** (מובא בפרשת דרכים ובאוהב ישראל) דאס ווארט 'מועד' מיינט א באשטימטן זמן פון קשר. ווי דאס לשון "ונועדתי אתך". די מהות פון תשעה באב אלס 'מועד' איז, א באשטימטע זמן פון זיך צוריק מקשר זיין מיטן אויבערשטן, נישט אנדערש ווי אלע מועדים וזמנים, וואס זענען באשטימטע צייטן זיך צו טרעפן און זיך מדבק זיין מיט השי"ת.

**נאר אוודאי איז א גרויסער הבדל צווישן אלע ימים טובים און תשעה באב.** יעדע יום טוב האט זיך זיין גוון אבער אלע פון זיי פייערן מיר אויך באופן חיצוני בשמחה והתרוממות. ס'איז דא חיובים פון עונג יום טוב, בגדי יום טוב, מאכלי יו"ט. די שיינע דאווענען, די סעודות און טישן. און איז דעריבער אסאך גרינגער דערהויבן צו ווערן און זיך מתחבר זיין דורכן יו"ט. די חיצונית'דיגע אומשטענדן געבן פאר א מענטש אסאך געלעגנהייטן זיך צו טרעפן מיט השי"ת.

תשעה באב איז טאקע נישט אזוי, די אטמאספערע איז ממש פארקערט פון דביקות, פון התוועדות און קשר. אלעס איז אזוי וואכעדיג, טונקל, טרויעריג, כמעט וואס מ'פאלט אריין אין מרה שחורה, ווען מ'מעג ווען... מען לערנט נישט, מען דאווענט קוים, מען טאנצט נישט, מען זינגט נישט, נישט קיין טישן נישט קיין פארברענגען... די 'תשעה באב'דיגע מצב העלפט נישט צו, צו לעבן מיט דערהויבנקייט.

נאר טאקע פונקט דא איז באהאלטן די נקודה פון תשעה באב. תשעה באב איז נישטא די אלע זאכן וואס העלפן צו דעם דביקות'דיגן קשר, און ס'איז טאקע שווערער זיך מתחבר זיין. אבער ווען דו ביסט זיך שוין יא מחבר מיטן אויבערשטן, איז די קשר אסאך מער **פנימית'דיגער!** מער אמת'דיג. די חסרון אליין איז די מעלה. מ'דארף זיך עקשן'ען אריינצוגיין אין דעם, אבער ווען דו ביסט דארט ביסטו דארט באמת.

משל למה הדבר דומה, צו איינער וואס ער האט פון אלע זייטן שטערונגען צום לערנען, אבער ער שטארקט זיך, זיך צו פארטיפן אין די סוגיא. אוודאי איז אסאך גרינגער צו לערנען מיט באקוועמליכקייטן, ווען די גאנצע מצב ארום געבט צו צום ישוב הדעת. אבער טאמער איז מען יא מצליח צו זיצן און זיך קאנצענטרירן אין לערנען אונטער שוועריגקייטן, מיט די ריכטיגע עמקות און ישוב הדעת - איז נישט קיין ספק אז די קשר צו די סוגיא איז ביי אים געבויעט אסאך טיפער, און די קדושת התורה איז אסאך מער משפיע.

און דעריבער, דער תשעה באב זאגט אונז: אנטלויף נישט! איך האב א פנימיות, זיי זיך נאר מרכז!

### ב.
### פארוואס וויינען?

די מהות פונעם טאג איז וויינען און קלאגן. און די פנימיות פון די געוויינעריי דאס איז די פנימיות פונעם טאג. ס'איז פשוט אז אונזער וויינען קען נישט זיין פון עצבות, וואס דאס איז אינגאנצן מצד הקליפה. (פרי הארץ, מטות)

דער תשעה באב זאגט אונז: אנטלויף נישט! איך האב א פנימיות, זיי זיך נאר מרכז!

וואס יא? דער בארדיטשובער רב זי"ע (קדושת לוי, אבות) רופט עס אן **א געוויין פון בענקשאפט.** און רבי מענדעלע וויטעבסקער ווי אויך דער בעל התניא זי"ע (פרי הארץ הנ"ל, סידור בעה"ת הערה לתיקון חצות) דריקן זיך אויס אז ס'איז א געוויין פון תשובה. דער צד השווה פוןביידע בכיות איז, אז זיי פירן דעם איד צוריק נתקרב צו ווערן צום אויבערשטן.

**דער געוויין פון בענקשאפט איז:** איך בין דאך מיטן אויבערשטן איינס. איך שפיר אים, איך געהער צו אים, און ער איז מיין גאנצע מציאות. מיין גאנצע אמת איז מיין דביקות אין אים. איי, פארוואס פארגעס איך דאס? פארוואס געלונגט מיר נישט צו לעבן אזוי טאג טעגליך?! **דאס שטאמט פונעם חורבן, דעריבער וויינט זיך פון בענקשאפט צום בית המקדש, צו גאולה, וואס דאס איז בעצם געגועים צו מגלה זיין דעם קשר מיט השי"ת.**

ווייל די שורש השראת השכינה איז פון בית המקדש. ווען ס'איז ליידער א מצב פון חורבן בית המקדש איז נישטא קיין התגלות פון שכינתו יתברך צווישן אונז. טאקע אמת אז "כל מקום שגלו גלתה שכינה עמהם", אבער ס'איז פארט נאר אין א צורה פון גלות. פון הסתר. ס'איז נישט אפן, דער קשר איז זיך נישט מתבטא. מיר האבן עס טאקע, בלי ספק, אבער מיר קענען עס נישט זעהן און שפירן. **א משל** צו א טאטע און זון וואס זענען ל"ע געשעדיגט געווארן אין א עקסידענט, זיי ליגן דארט צוקוועטשט אונטער די ברוכווארג, זיי קענען נישט רעדן איינער צום אנדערן, קוים וואס זיי קענען אטעמען, זיי זענען טאקע פארבינדן און באהאפטן ווי קיינמאל בעפאר, אבער די קשר קען זיך נישט אויסדריקן אין מעשים אדער דיבורים.

ווען א מענטש כאפט די נקודה, ער הייבט אן צו שפירן אז די מצב אין וואס ער לעבט איז נישט דאס ריכטיגע. זיין ריכטיגע מצב איז לעבן מיטן אויבערשטן בגלוי, און דאס איז נישט מעגליך צוליב דעם חורבן, הויבט אים אן ברענען א רצון אז דער מצב זאל זיך שוין טוישן. און צוריק צו אונזער **משל**, איז עס ווי יענער קינד דארט וואס ווארט אומגעדולדיג, ער בענקט ביז טרערן, אז ערשטע הילף זאל אים ארויסראטעווען פון אונטער די ברוכווארג, און דעם ערשטן וועם ער וויל באגעגענען געזונטערהייט, אונטער פרייליכע אומשטענדן, איז זיין טאטע, מיט וועם ער איז געווען א גאנצע צייט אין אזא ענגשאפט.

נאר, אזוי ליגנדיג דארט אין זיין בענקעדיגע געוויין, כאפט ער זיך אז ער אליין האט גאר געמאכט דעם עקסידענט, וואס צוליב דעם ליגט ער דא צודריקט מיט זיין טאטן אין אזא מצב, "כי בפשעיכם שולחה אמכם", און יעצט באנייט זיך **א געוויין פון חרטה און תשובה.** ווען א איד זיצט תשעה באב און איז מקונן און בענקט זיך אויף התגלות כבוד שמים און גאולת השכינה, כאפט ער גאנץ שנעל אז אלעס איז תלוי אין אים און ער איז דער וואס דארף תשובה טוהן און נענטער קומען. א מענטש וואס בענקט זיך צו משיח אבער קומט נישט דערפון צו תשובה איז ווי איינער וואס האט רח"ל איינגעשפארט זיין טאטן אונטער גראטעס און ער זיצט און וויינט פון בענקשאפט צו אים...

**און וואס איז תשובה?** אז דער מענטש איז מודה: איך האב געטוהן אן עוולה, איך האב מצער געווען די שכינה הקדושה. אבער באמת וויל איך עס נישט, איך האב חרטה אז איך האב זיך באנארישט. ס'איז נישט איך, ס'איז נאר מיין שאור שבעיסה ושעבוד גליות, מיין אמת'ע רצון איז צו לעבן א גאנצע צייט מיטן אויבערשטן.

### ג.
### עבודת הלילה

לסיכום, די עבודה פון תשעה באב שטאמט פון אן הבנה אז די שליסל צו אונזער גאנצע קשר מיט השי"ת איז דער בית המקדש און ירושלים, דארט איז די שורש פון השראת השכינה פאר אידן. און אז היינט איז די שכינה נישט אויפן פלאץ, איז דא א חסרון אין גילוי שכינה אויף די וועלט. און דעריבער איז 'גלות' די שורש פון אלע פרטית'דיגע גלויות פון יעדן איינעם.

און פון דא שטאמען די געפילן פון בענקשאפט צוזאמען מיט הרהורי תשובה. די רעיונות דרייען זיך אין מוח **ווי א ראד:** וואס מער א איד וועט זיך אפגעבן צו טראכטן פון בענקשאפט צו גילוי שכינה אין בית המקדש, ווי נאר דער איד וויל און גליסט אז דער אויבערשטער זאל אים ליכטיג מאכן און אים מקרב צו זיך, כאפט ער זיך פלוצלינג, ער גיבט זיך א שטעל אפ, ער איז זיך מתבונן, ווער איז דא אחראי אויף די גאולה? איך אליין! ער האט חרטה אויף זיין חלק אין מעכב זיין התגלות מלכות שמים. ער טוט תשובה צו השי"ת, און ווייטער פארשטייט ער אז כדי נתקרב צו ווערן דארף ער גילוי שכינה אין בית המקדש, און ווידער, איך אליין בין דאך דער מעכב? ער טוט תשובה. און ווייטער בענקט אים דאס הארץ צו גילוי שכינה, און נאכאמאל קומען אים ארויף מחשבות פון תשובה....

קומט אויס אז תשעה באב איז א טאג פון א קלארער זיכערער קשר מיטן אויבערשטן, נאר דערווייל אונטער א דיקן שלייער פון הסתר פנים. מיר ווייסן אז דער מצב ביי אונז טויג נישט, אונזערע מעשים האבן געברענגט דעם חורבן, מען בענקט, מען טוט תשובה, וחוזר חלילה. ווייל טאקע אויך אונזער תשובה וועט ברענגען די גאולה... און מיר רעדן פון אן עבודה, פול מיט לעבהאפט, פול מיט געגועים. און גלייכצייטיג איז עס א פנימית'דיגע עבודה וואס איז שווער משתף זיין דערמיט אנדערע. **ווייל דאס איז די מערסט פנימית'דיגער פלאץ פון א איד מיטן אויבערשטן.**

דאס איז למעשה די עבודה ביז חצות היום. פון חצות הויבט זיך אן אן אנדערע עבודה.

המשך אין עמוד ב

רימון | עיצוב והדפסה


יהודים צמאים לדבר ה'! דער אינהאלטס רייכער גליון האט געמאכט א מהפכה ביי טויזנטער אידישע נפשות. נאך אסאך אידן ווילן זוכה זיין צום אור! נעמט א חלק און די געוואלדיגע זיכוי הרבים רופט: 347-428-6483 אדער צום אימעיל DD0722531385@gmail.com